# אַליס אין װוּנדערלאַנד, קאַפּיטל 3
# לויִס קערעל
# ייִדיש: ש. בערגער
# די קאָגעסשפּיל און די לאַנגע מעשׂה

אַ מאָדנע מסיבה האָט זיך צונויפֿגעקליבן אויפֿן ברעג: פֿייגל מיט צעקוואַטשעטע פֿעדערן, חיות מיט קלעפּיקע פּעלצן, און יעדער פֿיטש נאַס, ברוגז, און אומבאַקוועם. דער עיקר — זיך אויסטריקענען. מע האָט זיך באַראַטן וועגן דעם. נאָך אַ מינוט צוויי האָט אַליס געשמועסט גאָר חבֿריש מיט אַ פּאָר פֿון די חיות, גלײַך זי וואָלט זיי שוין געקענט אַ לעבן לאַנג. זי האָט זיך אפֿילו געאַמפּערט מיט דער לאָרי וועגן עפּעס אַן ענין. די לאָרי האָט פֿון איר צד מערנישט אָנגעבלאָזן זיך און געזאָגט, ״כ׳בין עלטער ווי דו, ווייס איך בעסער,״ נאָר אַזוי ווי אַליס האָט פֿאַקטיש נישט געוווּסט ווי אַלט די לאָרי איז, האָט זי נישט געקענט מסכּים זײַן. און מחמת די לאָרי האָט זיך ענלעך אָפּגעזאָגט פֿון ענטפֿערן אויף ד ע ר פֿראַגע, איז נישט געווען וואָס צו זאָגן.

לסוף האָט די מויז, וואָס האָט דאַכט זיך געהאַט אַ שטיקל דעה, אויסגערופֿן:

״זעצט זיך אַוועק און הערט! איך וועל אײַך שוין באַלד אויסטריקענען!״

אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ גרויסן קרײַז מיט דער מויז אין מיטן. אַליס האָט נישט אָפּגעריסן די אויגן פֿון איר, ווײַל זי האָט געדענקט, אַז אויב זי וועט זיך נישט אויף גיך אויסטריקענען וועט זי אַוודאי זיך פֿאַרקילן.

די מויז האָט אָנגעהויבן. ״טריקענער פֿון דאָס האָב איך נישט. לייגט קאָפּ:

׳די המשכּדיקייט פֿון רוימיש-לעזיש ביז אין מערבֿ-לעזיש אַרײַן (ד״ה מיט אַנדערע ווערטער: די ווערטיקאַלע בינדונג, ווי בלאָנדהיים האָט זי משׂיג געווען, אַנטקעגן דער האָריזאָנטאַלער) לאָזט זיך אויפֿווײַזן אין דער סיסטעם קלאַנגען אויך...׳״

״אוף!״ האָט געזאָגט די לאָרי, און אַ ציטער געטאָן.

״זײַט מיר מוחל!״ האָט געזאָגט די מויז, מיט אַ קרום פּנים, נאָר זייער העפֿלעך. ״איר האָט געוואָלט עפּעס זאָגן?״

״ניין, ניין!״ האָט געמאַכט די לאָרי, אויף גיך.

״דאַכט זיך מיר, אַז יאָ,״ האָט זיך אָנגערופֿן די מויז. ״ווײַטער:

׳...פֿאַראַן אין די געשריפֿטסן פֿון צפֿרת היפּש פֿאַלן, ווו ווערטער פֿון אָט דעם טיפּ זײַנען אויסגעלייגט — ׳״

״ווו געפֿאַלן?״ האָט געפֿרעגט די קאַטשקע.

״היפּש פֿאַלן,״ האָט זיך אָפּגערופֿן די מויז עפּעס ברוגזלעך. ״איר ווייסט מסתּמא וואָס דאָס איז אַזוינס, ׳פֿאַלן׳?״

״כ׳ווייס גוט וואָס דאָס הייסט, פֿאַלן,״ האָט געזאָגט די קאַטשקע. ״ווען ס׳קומט מיר אויס צו פֿאַלן, פֿאַלן פֿאַל איך מערסטנס צו דער ערד, אָדער אין וואַסער אַרײַן. פֿרעגט זיך אָבער: ווער האָט געפֿאַלן אין צפֿרת?״

די מויז האָט נישט באַמערקט, נאָר אויף גיך ווײַטער געלייענט: ״— זיך אויסגעלייגט אויף אַן אויפֿן וואָס —״ און זי האָט זיך געוואָנדן צו אַליסן. ״ווי פֿילסטו זיך איצטער, טײַערינקע? אַ ביסל בעסער?״

"כ'קען נאָסער גאָר נישט זײַן," האָט אַליס געענטפֿערט אויף אַ אומעטיקן טאָן. "ס'באַווײַזט מיך נישט אויסצוטריקענען בכלל."

"אין דעם פֿאַל," האָט דער דאָדאָ זיך אָנגערופֿן אויף ערנצט, נאָכן אויפֿשטעלן זיך, "וויל איך פֿאָרשלאָגן, אַז מיר זאָלן דוחה זײַן אונדזער אסיפֿה, כּדי אָנצונעמען מער ענערגישע מיטלען —"

"רעדט ייִדיש!" האָט געזאָגט די אָדלערקע. "כ'ווייס נישט דעם טײַטש פֿון אײַערע גרויסע ווערטער, און כ'גלייב אַז איר ווייסט אויך נישט!"

די אָדלערקע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כּדי צו באַהאַלטן אַ שמייכל; אייניקע פֿייגל האָבן זיך צעכיכקעט.

"כ'האָב נאָר געוואָלט זאָגן," האָט זיך אָנגערופֿן דער דאָדאָ, אַ באַליידיקטער, "אַז אויסטריקענען זיך קען מען אויף גיך מיט אַ קאָגעסשפּיל."

"וואָס הייסט אַ קאָגעסשפּיל?" האָט אַליס געפֿרעגט. נישט אַזוי שטאַרק האָט זי געוואָלט וויסן, נאָר די דאָדאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט גלײַך זי האָט געוואַרט ווער זאָל ענטפֿערן — און קיינער האָט אַ פּנים נישט בדעה געהאַט גאָרנישט צו זאָגן.

"נישט שוין זשע איר האָט קיין מאָל נישט געשפּילט אין קאָגעס?" האָט געפֿרעגט דער דאָדאָ. "נו, מילא — דאָס בעסטע אויפֿן פֿון דערקלערן, איז דאָס שפּילן!"

(און אַזוי ווי איר וועט אפֿשר אַליין ווילן שפּילן אין קאָגעס, אין איינעם אַ ווינטערטאָג, וועל איך אײַך דערקלערן ווי אַזוי דער דאָדאָ האָט אַדורכגעפֿירט די שפּיל.)

ערשטנס האָט ער אויסגעצייכנט אַ מין לויפֿוועג, אין געשטאַלט עפּעס אַ קײַלעך אַזאַ ("דער פֿאָרעם איז נישט דער עיקר," האָט ער געזאָגט). דעמאָלט האָט ער די גאַנצע חבֿרה אַוועקגעשטעלט דאָ און דאָרטן אויף פֿאַרשיידענע ערטער איבערן וועג. אַלע זײַנען זיך צעלויפֿן ווען און וווּהין נאָר מע האָט געוואָלט, און מע האָט זיך אָפּגעשטעלט ווען נאָר מע האָט געוואָלט — אַזויערנאָך איז זייער שווער געווען צו וויסן, ווען איז שוין אויסגעלויפֿן. פֿונדעסטוועגן, ווען זיי זײַנען שוין געלויפֿן אַ האַלב שעה, און זײַנען שוין געווען גוט טרוקן, האָט דער דאָדאָ פּלוצהאַלבן אַרויסגערופֿן, "אויס שפּיל!"

אַלע האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דעם דאָדאָ, פֿאַרסאָפּעט, און געפֿרעגט, "נאָר ווער איז דער געווינער?"

אויף דער פֿראַגע האָט דער דאָדאָ נישט געקענט ענטפֿערן ביז ער האָט זיך גוט אײַנגעטראַכט אינעם ענין, און ער איז געשטאַנען אויף אַ לאַנגער צײַט, מיט איין פֿינגער אָנגעלייגט אויפֿן באָרד — מיט אַזאַ געשטאַלט ווי בײַ י. ל. פּרצן, אין זײַנע בילדער — בעת די איבעריקע האָבן געוואַרטן שטילערהייט. סוף-כּל-סוף האָט דער דאָדאָ געזאָגט, "אַ ל ע האָבן געוווּנען, מוזן אַ ל ע קריגן פּריזן."

"נאָר ווער זשע וועט דערלאַנגען די פּריזן?" האָט געפֿרעגט ממש אַ כאָר מיט קולות.

"ז י , פֿאַרשטייט זיך," האָט געמאַכט דער דאָדאָ, אָנווײַזנדיק אויף אַליסן מיט איין פֿינגער. דער עולם האָט זיך תּיקף אַרומגעקליבן אַרום איר, אויסשרײַענדיק און שטופּנדיק, מיט איין געפּילדער: "פּריזן! פּריזן!"

אַליס האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַ פֿאַרצווייפֿלטע האָט זי אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ קעסטל קאָנפֿעטן (אַ גליק, וואָס דאָס זאַלצוואַסער איז דערינען נישט אַרײַנגערונען) און זיי אַלע דערלאַנגען ווי פּריזן. ס'איז געווען פֿאַר יעדן איינעם פּונקט איינס צו.

"אָבער זי מוז אַליין קריגן אַ פּריז, פֿאַרשטייט זיך," מאַכט זי מויז.

״אַודאי,״ האָט זיך אָפּגערופֿן דער דאָדאָ, זייער ערנצט. ״וואָס איז דאָ נאָך בײַ אײַך אין קעשענע?״ האָט ער ווײַטער געזאָגט, זיך ווענדנדיק צו אַליסן.

״נאָר אַ פֿינגערהוט,״ האָט אַליס טרויעריק געזאָגט.

״דערלאַנג זי אַהער,״ האָט געמאַכט דער דאָדאָ.

זיי האָבן זיך אַלע ווידער אַרומגעקליבן אַרום איר, בעת דער דאָדאָ האָט ערנצט פֿאַרטיילט דעם פֿינגערהוט, בזה הלשון:

״מיר בעטן אײַך אָנצונעמען דעם עלעגאַנטן פֿינגערהוט —״

און ווען ער האָט אָפּגערעדט, האָבן אַלע געשריגן הוראַ.

די גאַנצע צערעמאָניע האָט אַליסן אויסגעזען לעכערלעך, נאָר זיי האָבן אַלע אויסגעקוקט אַזוי ערנצט, האָט זי נישט דערוועגט צו לאַכן. און אַזוי ווי ס׳איז איר גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן, האָט זי מערנישט זיך אַ בייג געטאָן, און אָנגענומען דעם פֿינגערהוט, פּרוּוונדיק אַרויסצווײַזן אַן ערנצט פּנים.

ווײַטער האָט מען געדאַרפֿט עסן די קאָנפֿעטן: דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ רעש און אַ פּלאָנטער, ווײַל די גרויסע פֿייגל האָבן זיך באַקלאָגט, אַז זייערע האָבן נישט קיין טעם, און די קליינע האָבן זיך געשטיקט און מע האָט זיי געדאַרפֿט אָפּפּעטשלען אויף דער פּלייצע. אָבער מע האָט זיי ענדלעך אויסגעגעסן, און אַלע האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ קרײַז, זיך שטאַרק בעטנדיק בײַ דער מויז, זי זאָל זיי נאָך עפּעס דערציילן.

״איר האָט צוגעזאָגט צו דערציילן אײַער געשיכטע, איר ווייסט,״ האָט געמאַכט אַליס, ״און פֿאַר וואָס איר האָט פֿײַנט — ק׳ און ה׳,״ האָט זי צוגעגעבן שעפּטשענדיק, האַלב מורא האָבנדיק, די מויז זאָל זיך נישט ווידער באַליידיקן.

״די געשיכטע מײַנע איז אַ לאַנגע, מיט אַ טרויעריקן עק!״ האָט זיך געדרייט די מויז צו אַליסן, און אַ זיפֿץ געטאָן.

״ס׳איז דאָך אַ לאַנגער עק, אָבער פֿאַר וואָס איז ער אַ טרויעריקער?״ האָט געפֿרעגט אַליס, און געקוקט זיך חידושנדיק אויפֿן מויזס עק. זי האָט אַלץ געטראַכט אין דעם בעת די מויז האָט גערעדט, אַזוי ווי די מעשׂה האָט זיך איר געדאַכט אָט אַזוי אָ:

אין הייס-דושנעם הויז
זאָגט ר׳ הונט צו ר׳ מויז:
״לאָמיר לאָדן זיך גיין!
טאָרסטו נישט זאָגן ניין —
כ׳האָב גאָרנישט צו טאָן.
רוף איך דיך צו אַ דין!״
״וואָס פֿאַראַ זין,״
מאַכט ר׳ מויז,
״און וואָס פֿאַראַ ציל,
כ׳בעט אײַך, האָט
אַ דין, אָדער אַזאַ
געריכט, אָן קיין
ריכטער, זשורי?״
עס ענטפֿערט
ר׳ הונט:
״דער ריכטער
בין איך,
מרא-דאתרא
— אנוכי.
וועל איך
משפּטן
גלײַך און
הינריכטן
דיך!״

״דו הערסט נישט!״ האָט געזאָגט די מויז צו אַליסן אויף אַ שטרענגן אויפֿן. ״וועגן וואָס טראַכסטו איצטער?״

״זײַט זשע מוחל,״ האָט זיך אָנגערופֿן אַליס, גאַנץ שעמעוודיק. ״דאַכט זיך, איר זײַט דערגאַנגען צום פֿינפֿטן קער פֿון עק.״

״נישטאָ קיין קערן!״ האָט אויסגערופֿן די מויז. ״וואָס רעדסטו? וועגן קיין שום קערן פֿון עק רעדט מען נישט!״

"אומקערן אײַער עק?" האָט אַליס געפֿרעגט. "אַוודאי, נאָר ווער האָט אים אײַך צוגענומען? טוט מיר דערקלערן וואָס איז אים געשען..."

"נאָר איינער!" האָט זיך אָנגערופֿן די מויז. "איך באַליידיק זיך, וואָס איר רעדט מיט מיר אַזאַ שטותים!" זי האָט זיך אויפֿגעהויבן און אַ לאָז געטאָן אַוועק.

"כ'האָב עס נישט געמיינט אויף ערנצט," האָט אַליס פֿאַרענטפֿערט זיך. "נאָר איר ווייסט — איר כאַפּט זיך אַזוי גרינג באַליידיקן!"

די מויז האָט נאָר אַ ברום געטאָן בתּשובֿה.

"זײַט אַזוי גוט, קומט צוריק און ענדיקט אײַער מעשׂה!" האָט אַליס נאָכגערופֿן נאָך איר. און די איבעריקע האָבן מיטגערופֿן: "יאָ, קומט צוריק!" נאָר די מויז האָט מער נישט אַ שאָקל געטאָן אומגעדולדיק מיטן קאָפּ, און געגאַנגען אַ ביסל גיכער.

"אַ שאָד וואָס זי האָט נישט געוואָלט בלײַבן," האָט געזיפֿצט די לאָרי, באַלדווי די מויז האָט זיך מער נישט דערזען. אַן אַלטע ראַקיכע האָט גענומען די געלעגנהייט אויף צו זאָגן דער טאָכטער, "זע נאָר, טאָכטערשי, דאַרפֿסטו עפּעס אָפּלערנען: קיין מאָל נישט ווערן אין כּעס!" "האַלט דאָס מויל, מאַמע!" האָט געמאַכט די יונגע ראַקיכע, אַ ביסל בײַסיק. "בײַ דיר וואָלט אפֿילו אַן אויסטער געוואָרן אויסער זיך!"

"אַך, הלוואי וואָלט דינה דאָ געווען," האָט געזאָגט אַליס אויפֿן קול, נישט רעדנדיק צו קיינעם באַזונדערש. "ז י וואָלט זי באַלד אָפּגעבראַכט!"

"און ווער איז דינה, אויב איך מעג זיך דערלויבן צו פֿרעגן?" האָט געזאָגט די לאָרי.

האָט אַליס זיך באַלד אָפּגערופֿן, ווײַל זי איז אַלע מאָל אַ בעלן צו רעדן וועגן איר שטוב-חיה. "דינה איז אונדזער קאַץ. און זי איז אַזאַ בריה אויף כאַפּן מײַז, איר קענט זיך נישט פֿאָרשטעלן! און מיט די פֿייגל — גיט זי אַ כאַפּ, און רײַבט אײַן אין אַן איינס און צוויי!"

אַליסעס רייד האָבן ממש אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע בײַ דער מסיבה. טייל פֿייגל זײַנען תּיקף אַוועקגעלויפֿן: איינע אַן אַלטע סאָראָקע האָט זיך גענומען פֿאָרזיכטיק אײַנטוליען, און באַמערקט, "איך דאַרף אַהיים — די נאַכטלופֿט וועט מיר שאַטן דעם האַלדז." און אַ קאַנאַריע, מיט אַ קול אַ ציטערנדיקן, האָט אַרויסגערופֿן אירע קינדער: "לאָמיר גיין, קינדערלעך! שוין צײַט שלאָפֿן צו גיין!" אַזוי זײַנען זיך אַלע צעלויפֿן מיט פֿאַרשיידענערליי תּירוצים, און אַליס איז פֿאַרבליבן אייניקע אַליין.

"איך האָב נישט געדאַרפֿט רעדן וועגן דינהן!" האָט זי געזאָגט צו זיך אַליין, מרה-שחורהדיק. "קיינער האָט זי נישט ליב דאָ, דאַכט זיך מיר, כאָטש זי איז בײַ מיר די בעסטע קאַץ אויף דער גאָרער וועלט! אוי, מײַן טײַערינקע דינה! איך ווייס נישט אויב איך וועל דיך נאָך ווידער זען!" און אַליס האָט זיך שוין ווידער צעוויינט, ווײַל זי האָט זיך געפֿילט שטאַרק עלנט און נידעריק. פֿונדעסטוועגן, נאָך אַ ווײַלינקע האָט זי דערהערט פֿון דער ווײַטנס אַ שאָרכעניש פֿון קליינע פּיסעלעך. זי האָט נײַגעריק אויפֿגעקוקט, האַלב האָפֿנדיק, די מויז זאָל האָבן חרטה געהאַט, און זיך אומגעקערט אויף צו דערענדיקן איר מעשׂה.

המשך קומט